אליעזר שינדלער

# פון שטאָדט.

עיר ההרס...
ישעיהו י"ט

בעפריי אונז פון שטאָדט, פון שטיינערנע גאסען
וואו ס'ווערען די מענשען געהעצט און גינארט,
געטיילט און צושפאלטען אויף מחנות און קלאסען
און גרויזאם די לעבענס און הערצער פערצצרט...

וואו ס'ווערען די שענסטע רעיונות צושטערט,
די ריינע נשמות בעפלעקט און צושניטען...
וואו ס'ווערען די מענשען דער־ווייטערט פון ערד,
פון גאָלדענע וועלדער, פון בלעטער און בליטען...

דוד אַפטייקער

# ווען וועט קומען די צייט?

ווען וועט קומען די צייט...
און כ'וועל דערגרייכען מיינע בעגעהרען און ציעלען.
ווען אויפברויזען וועלען מיינע געפיהלען

ויען וועט קומען די צייט...
ווען די נשמה וועט אויסגיסען איהר געזאַנג
בעגלייט מיט אקאָרדען און ריטמישען קלאנג

ויען וועט קומען די צייט...
ווען זינגען וועל איך אינגאַנצען
אינגאַנצען זינגען און טאנצען

ווען וועט קומען די צייט...
ווען ס'לעבען וועט ווערען אַ פּאָעזיע,
וואָס ריימט זיך צום טאַקט פון אַ מעלאָדיע...
ווען וועט קומען די צייט......?

ס. ווישניא כנ"א תרצ"א

„מותר" — און די לאַגע איז בעהערשט. — — —

און אַזוי ביז קרוב לחצות, קלאַפּט צווישען די אַלטע מויער פון בית־המדרש אנ'אקאָמפּאַניאַמענט פון פערשידענערליי קולות און טענער; קולות וואָס דרוקען אויס געוויין און צער, קולות פרעהליכע וואָס שרייען אַרויס פרייד און לעבענס־לוסט; טענער וואָס פּעראַטען מיט זייער טרויעריגע מעלאָדיע: הונגער, דורשט און בענקעניש, און טענער וואָס זאָגען עדות אויף זעטיגקייט, צופרידענ־ייט און גענוגטהואונג. און דאָס אלעס מישט זיך צונויף אין איין האַרמאָניש שעהנע סימפאָניע, צו איין שיר־השירים. א שיר־השירים פאַר דעם תורה־גייסט, פאַר דעם גייסט, וואס האט בעוויזען אין זיך איינ צוזהילען און אריינגעהמען די גאנצע און פיעל־פארביגע נשמה פון ישראל. — — —

(סוף קומט)

# דיכטער און קריטיקער

יחיאל פיינער — עסיי —

אין דעם הוילען געבראַזג פון צעטומעלטע ספקות, שרעק און אומקום; אויף די צעפלאנטערטע וועגען פון פסיכיש־לאַבירינטישען געקרום: — ווער פלאַסטערט דעם צעשראָקענעם וועג פון שאַפענד גען קינסטלער מיט אילוזיעס און בלומען — אויב נישט דער קריטיקער?!

ווער צינט די געהיימע כשוף־פייערלעך אויף די פערנעפעלטע שליאַכען פון קינסטלערישען שאַפען. און לאָקט, און רייצט מיט לחש און צויבער די פאַנטאַזיע פון דיכטער ער זאָל טרעטען מיט הייליגע עקסטאַזיק אויף די קאָרקען פון סכנות — אויב נישט דער געזאַלבטער קריטיקער?!

אויב ברענט דאָס רויהע וואָרט פון דיכטער אין מדבר'שען סנה פון עקספרעסיע און אינטואיציע; אויב צאַפעלט דאָס נאַקעטע ליעד פון דיכטער אין צעשויבערטע בלאָנזשעניש; אויב ציטערט־אויף אין צעכראַשטשעטע ווייען די וואַריעטע פון קינסטלער ווי אַן אומגעלומפערטע גראָטעסק־שפיעל קומט דאַן די האַנד פון געזאַלבטען קריטיקער און גיסט דאָס אַריין אין אייזערנע סימעטריע, אין דינאַמישע פאָרמען, שיסט אַדורך די נעפלען פון חשכות, רייסט אראָב זונען און שליידערט זיי פאַר די פיס פון קינסטלער.

אויב שעפּשעט דער דיכטער אין כוואלענדיגען שכרות פון קינסטלערישען שאַפען זיין: Romances Sans parales ווייסט שוין דער קריטיקער צי ס'ווינט דאַן אַפּאָלאָ דער זוהן פון צעאוס איבער די מוזע־געטין פון ליריק...

מיט פייערדיגע שריפט. האָט די געהיימע האַנד פון קריטיק או■געקריצט די בעשטימונג פון האָמער, ווירגול, לוקרעציוס און די זעלבע האַנד האָט זיי אַרויסגערוקט אונטער די געוועלבען פון דער געשיכטע און געצויגען זייערע רינגען ביז שעלי, געטהע, אומייטמאַן, און מאַרינעטי.

ווייל ס'האָט נאָכנישט קיינער געזעהען זיין אייגענע שיינקייט אָהן דער מיטהילף פון אַ פרעמדען שפיגעל. און ס'האָט נאָכנישט אַ דיכטער געזעהען זיינע קינסטלערישע קאָנטורען אָהן די אַנאַליטישע בעלייכטונג פון קריטיק.

מעג אַ מאָל רויכערען דער צאָרן פון דיכטער אויף זיין קריטישען אָנווייזער־ וועט ער איהם סוף כל־סוף מוחל זיין, ווען נישט, איז דאָס אויך מענשליך פונקט ווי מענשליך־בערעכטיגט עס איז דאָס אויסשלאָגען פון אַ פרוי דעם שפיגעל אין וועלכען זי האָט דערזעהען איהר אייגענע מאוסקייט...

פערהאַן אָבער אַ סאָרט קריטיקער וואָס פאַשען זיך ווי פּאַראַזיטען אויף די לאָנקעס פון קונסט, זיי עסען ישיבה־בחורי'שע „טעג" ביי דער פּאָעזיע און פוצען זיך אין פעדערען פון מליצה'דיגען לאַקריץ, לירישע־אויסגיסעכץ און אָנשטעלערישען מבינות.

אויב וואַרעמט־אויס דער דיכטער שט קער, רויען כאַאָס אין זיין קינסטלערישען טראַכט, אויב לאָזט ער זיך אַראָב אין וויזיאָנערישער־בעפליגלונג רייסען קאָראַלען אין ים'שען אָבגרונד — קומט דערנאָך יענער סאָרט קריטיקער דאָס אויסבאָרגען און זיי איבערזינגען פרעמדע געזאַנגען מיט פאַלשע אויגען־גלאָצעניש, פייזען זיך ווי געטער פון אָלימפּ מיט געדעמפטען וויירויך און נעקטאַר...

דער קריטיקער דאַרף ז ן דע עמוד־האש פאַרן דיכטער, דער קענער פון די געהיים־פערפלאָנטערטע וועגען, דער ליכטיגער פאָראויסלויפער, דער דיכטער פון די פייערליך אויף די פערנעפעלטע נאַכט־וועגען אָבער נישט אַ פּראָפאַן וואָס ריהרט זיך צו מיט אַ ברוטאַל מעסער צו אַ קונסט־ווערק און איז מחלל איהר נשמה...